פרשת שופטים, ו' אלול תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון צ'

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.........................7:42
מוצאי שבת................................9:12

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## א מעשה פון תפלה

### אברהם דוד לאקס

איך האב געדארפט צוריקגעבן מיין קאר וואס איך האב געדינגעם זונטאג אינדערפרי און מיין נייע קאר האב איך נאר געקענט האבן ערשט זונטאג נאכמיטאג, קומט אויס אז איך בלייב אן א קאר צו קענען גיין אויפפיקן מיין נייע קאר. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל נאך קענען האבן די רענטעל קאר ביז נאכן אויפפיקן מיין נייע קאר און אויב זיי לאזן מיר נאך האבן די קאר ביז דעמאלטס וועל איך מפרסם זיין די מעשה. שכח אייבערשטער אז די קאר רענטעל האט מיר אנגערופן די לעצטע מינוט און געזאגט אז איך קען עס נאך האלטן ביז ביינאכט!

### אשר בער אינדארסקי

איין טאג האב איך באקומען שטארקע פיס ווייטאג, איך האב נישט געוויסט פון וואס דאס קומט, דער דאקטער האט געזאגט אז ס'איז נישט קיין רויז, נאר די בלוט האט זיך אפגעשטעלט אין די פיס, און דאס מאכט די ווייטאג, איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז די בלוט זאל פליסן ווי געהעריג און די פיס ווייטאג זאל אוועק גיין, און אויב עס וועט זיך אויסהיילן וועלן איך מפרסם זיין די מעשה פון תפלה, שכח אייבערשטער אז ממש א טאג נאכדעם איז די ווייטאג אוועק געגאנגען, איך בין געגאנגען צום דאקטער רופט ער זיך אן צו מיר: "איך זעה מער גארנישט, דו ביסט געזונט און שטארק". שכח אייבערשטער!

### יצחק אייזיק ראטה, אשר בער אינדארסקי, אברהם הערש וועבערמאן

מיטוואך ראה כ"ו אב די יארצייט פון הייליגן סאטמאר רבי זי"ע זענען מיר געפארן צום ציון אין קרית יואל, אנקומענדיג אהין האבן מיר זיך דערזעהן מיט א שווערע פארקער פון קארס אין דעם גאנצן געגענט ארום דעם ציון, עס איז ממש נישט געווען קיין פארקינג צום געפונען, מיר האבן צוזאמען געבעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל טרעפן א פארקינג הארט נעבן ציון, אזוי ארום דרייענדיג זיך מיט די קאר אנטקעגן דעם ציון איז איינער געגעבן א פאר ארויס אין פארנט פון אונזער אויגן, אזוי האבן מיר האבן געטראפן א פארקינג ממש אין פארנט פונעם ציון. שכח אייבערשטער!

### סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**הילל ווייס הי"ו וזוגתו שרה רבקה תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

## נייעס אין שטעטל

### פרישע שטחים און בנינים פאר די מוסדות

גאר פרייליכע נייעס קומט אריין אז די הנהלת המוסדות איז אין די טעג אריין אין קאנטראקט אויף א פרישע בנין פאר די מוסדות.

עס איז נישט קיין סוד אז די שטעטל בליעט און וואקסט ברוך השם מיט א שנעלע טעמפא, וויפיל דירות עס קומען נאר ארויף איז עס נישט גענוג, א גאנצע ליסטע איז דא פון משפחות וואס ווארטן צו באקומען א דירה אין שטעטל, מיט דעם פארשטייט זיך קומט מיט נאך קינדער וואס קומען אריין לערנען אין די מוסדות.

די בילדינג וואס מען האט יעצט איז שוין אויסגעוואקסן, צוליב דעם האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א צוזאמען מיט די הנהלה אריינגעווארפן אין א פרישע פראיעקט צו אפקויפן נאך א בילדינג נאנט צום עקזיסטירנדע בנין, אזוי וועט צוקומען נאך פלאץ פאר פרישע קינדער וואס קומען כסדר צו קע"ה.

עס איז נישט אנגעקומען לייכט דאס צו קויפן, אנגעהויבן האט זיך עס מיטן זוכן דעם בעל הבית פונעם בנין, וואס האט גענומען גאר לאנג, ווייל די בילדינג איז שוין נישט אין באניץ פאר א שטיק צייט, במילא האט מען נישט געוויסט צו וועם זיך צו ווענדן, נאך אסאך בעטן דעם אייבערשטן האט מען ענדליך געקענט אפיר קראצן ווער עס איז דער בעל הבית, מען האט אים אנגערופן און אדורך געגאנגען מיט אים פאר וויפיל ער איז דאס גרייט צו פארקויפן, און ברוך השם די וואך האט מען געשריבן קאנטראקט.

אויך הערט מען פון די הנהלה אז מען איז אריין אין קאנטראקט אויף א גרויסע ליידיגע שטח ביים עק פון די דענמאן גאס, וואס דאס וועט מיטן אייבערשטענ'ס הילף ווערן באניצט פאר די געברויך פונעם ציבור, פרטים וועלן נאכפאלגן אם ירצה השם

דאס איז נאר דער אנהייב פונעם בויען דעם הערליכן מוסד אין קרית ברסלב, מען שטעלט זיך נישט אפ ביי דעם, יעדן טאג זיצט מען און מען טראכט וויאזוי מען קען מאכן שענער און בעסער דעם הייליגן רבינ'ס מוסד, סיי בגשמיות און אוודאי ברוחניות, עס זאל ארויסקומען פון דא א קידוש השם, אלע קינדער זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן וואס לעבן מיטן אייבערשטן, און וויסן אז וואס מען דארף זאל מען בעטן נאר פונעם אייבערשטן.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט **הַאלְטְן טַייעֶר דַיין וַוייבּ** תִּחְיֶ'; קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט אִיר. זִי שְׁרַייבְּט מִיר אַז דוּ קְרִיגְסְט זִיךְ מִיט אִיר אַסַאךְ, אִיךְ בֶּעט דִיר טַייעֶרֶער חַבֵר, הַארְצִיגֶער בְּרוּדֶער, בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט דַיין וַוייבּ, זָאג אִיר צוּ אַז דוּ וֶועסְט אִיר שֶׁעצְן אוּן לִיבּ הָאבְּן. פִּיר זִיךְ אוֹיף וִוי אַ תַּלְמִיד הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע נֵס, **דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גְרִינְגֶע פַּרְנָסָה.**

וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ הָאט בְּרֵייט פַּרְנָסָה אוּן גְרוֹיס עֲשִׁירוּת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהַרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט): "**כִּי עִקַר הָעֲשִׁירוּת עַל יְדֵי הָאִשָּׁה**", דִי גַאנְצֶע גֶעלְט קוּמְט בִּזְכוּת דִי וַוייבּ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן דַאוֶונֶען **שַׁחְרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב** וָואס דָאס הַאלְט אַ אִיד בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהַרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח): אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נד.): עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן הָאט גֶעזָאגְט: "**מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הָוֵי? תְּלָתָא פַּרְסֵי**", אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן אוֹיסְגֶערִיסְן אַ בַּארְג פוּן דְרֵיי פַּרְסָה, עֶר הָאט דָאס גֶעוָואלְט וַוארְפְן אוֹיף דִי אִידְן. הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען קְלֵיינֶע וֶוערֶעמְלֶעךְ אוּן גֶעלֶעכֶערְט דֶעם בַּארְג בִּיז דֶער בַּארְג אִיז אִים אַרַיין גֶעפַאלְן אוֹיפְן הַאלְז אוּן אִים דֶערְשְׁטִיקְט, נָאכְדֶעם אִיז גֶעקוּמֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ שְׁפְּרִינְג אוּן אִים דֶערְלַאנְגְט אַ קְלַאפּ אוֹיף זַיין פִּיס אוּן אִים גֶע'הַרְגְ'עֶט.

זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַז 'עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן' דָאס אִיז דֶער 'יֵצֶר הָרָע' וָואס עֶר הָאט פַיינְט יֶעדְן אִיד אוּן וִויל אִים הַרְגְ'נֶען. וֶוען עֶר זֶעט אַז אַ אִיד הַאלְט זִיךְ אִין מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ דִי 'ג' פַּרְסָה', דָאס הֵייסְט זַיינֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת, נֶעמְט עֶר זִיךְ אִיבֶּער אִים אוּן זָאגְט: 'אִיךְ וֶועל אוֹיסְרַייסְן פוּן אִים דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, אַזוֹי וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל'.

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן נַאכְט גֶעוֶוען אִין **שְׁטֶעטְל** אוּן גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר הִתְחַזְקוּת; **אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט טְרֶעפְן אוּן רֶעדְן צוּ דִיר פָּנִים אֶל פָּנִים**, אִיךְ הָאף אַז בַּיי דֶעם קוּמֶענְדִיגְן שִׁיעוּר וֶועל אִיךְ דִיךְ טְרֶעפְן.

**פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

## מעמד הכתרה




### דער הייליגער רבי האט געזאגט: מיין גאנצע זאך איז

א) ראש השנה
ב) לערנען תורה
ג) תשובה טוהן
ד) רעדן צום אייבערשטן

וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?

חידות אפטיילונג



דער געוואונער פון פאריגע וואך איז האברך יוסף יאקאבאוויטש נ"י

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

**ענטפערס פון פאריגע וואך**

א) רעדן ווייניג. ב) זיין פרייליך, אויכעט ויינען. ג) טראכטן גוט

### מעמד הכתרה

אלע משפחות אנשי שלומינו זענען הערצליך געלאדענט מיטצוהאלטן דעם היסטארישע מעמד הכתרה פארן דיין שליט"א וואס וועט פארקומען קומענדיגן זונטאג כי תצא הבא עלינו לטובה.

אויב איר האט נאכנישט קיין זיץ דאן קויפט שוין ביי האברך שמשון הערש טייטעלבוים הי"ו 845-243-1580




## האט רחמנות אויף אונזערע קינדער פארט נישט שנעל אין שטעטל